# פרשת וארא כ"ב - כ"ח טבת תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קצ"ד סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, יודען זענען געווען אין מצרים, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד, יודען האבן זיך זייער פארמערט און געשטארקט, און פרעה האט געזאגט, הבה נתחכמה לו, פן ירבה וגו', ונוסף גם הוא על שונאינו (שמות א-ז), זיי האבן געזוכט וועגן ווי אזוי מען קען פייניגען יודען. רש"י שטעלט זיך שוין, הבה נתחכמה לו, מען רעדט דאך פון א גאנץ פאלק, עס וואלט געדארפט שטיין הבה נתחכמה 'להם', פארוואס שטייט הבה נתחכמה לו. רש"י זאגט, נתחכם למושיעם של ישראל. דער **קדושת יום טוב** ברענגט צו א מדרש, אז הבה נתחכמה לו גייט ארויף אויף שבת. לאמיר זיך מתחכם זיין אויף יודען וואס האלטן שבת, אוועקצונעמען פון זיי די מצוה. פארוואס האט מען זיך פארלייגט פונקט אויף די מצוה פון שבת.

**אין** פשטות וואלט מען געקענט זאגען, ווייל עס שטייט אין **רמב"ן** (פ' תולדות), אז די אבות האבן מקיים געווען כל התורה פאר מען האט עס געגעבן (יומא כח:). און זיי האבן עס נאר מקיים געווען, פון ווען זיי זענען געווען אין ארץ ישראל. אין חוץ לארץ האבן זיי נישט מקיים געווען וואס מען איז נישט געווען מצווה. ווייל מען זעהט אז יעקב האט גענומען צוויי שוועסטערס, און עמרם האט גענומען א מומע, און די אלע זאכען זענען שפעטער אסור מן התורה, און זיי האבן דאך מקיים געווען די גאנצע תורה, אבער זיי האבן עס נאר מקיים געווען אין ארץ ישראל, אבער נישט אין חוץ לארץ. און וועגן דעם ווען רחל איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז זי געשטארבען, ווייל ער האט נישט געקענט וואוינען אין ארץ ישראל מיט צוויי שוועסטערס צוזאמען.

**זאגט** אבער דער **רמב"ן** (שם), אז עס שטייט אין מדרש (ב"ר צב-ד) אז יוסף האט געהאלטן שבת אין מצרים. אויב מען האט נישט געהאלטן די תורה נאר אין ארץ ישראל, פארוואס האט ער געהאלטן שבת אין מצרים. זאגט דער רמב"ן אז שבת איז א אויסנאם. אפילו זיי האבן נישט געהאלטן די אנדערע מצות, אבער שבת איז שקולה נגד כל המצות (ירושלמי ברכות א-ה). און ווען מען לעבט אין מצרים צווישן עובדי עבודה זרה, דארף מען געדענקען אז עס איז דא א בורא עולם, און כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וועגן דעם האט יוסף געהאלטן שבת אין מצרים. אפילו מען האט נישט געהאלטן אנדערע מצות, אבער שבת דארף מען האלטן וואו מען איז, כדי מען זאל געדענקען אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט.

**לויט** דעם פארשטייט מען בפשטות. יודען זענען געווען אין מצרים, און אנדערע מצות האבן זיי ממילא נישט מקיים געווען, ווייל זיי זענען נישט געווען מחוייב אין מצות. מען האט נישט מקיים געווען די אנדערע מצות, נאר אין ארץ ישראל. אבער שבת האט מען מקיים געווען אין מצרים אויך, יוסף האט געהאלטן שבת, איז הבה נתחכמה לו אויף די איינע מצוה וואס זיי האבן, וואס זיי האלטן שבת, אויף דעם זאל מען זיך מתחכם זיין.

*

**נאך** א נקודה דערין. מען זעהט אז יודען האבן זיך געהאלטן די אלע יארן וואס מען איז געווען אין מצרים. עס איז דא א ווארט פונעם ערשטען **בעלזער רב זי"ע**, מען זאגט ביי קריאת שמע, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך (דברים ו-ה). בכל לבבך איז דער טייטש, מיטן גאנצן הארץ. ובכל נפשך, אפילו נוטל את נפשך, עס איז דא מצות וואס מען דארף אוועקגעבן דאס לעבן פארן אייבערשטען. ובכל מאדך איז איין פשט בכל ממונך, מיט דיין גאנצע געלט. און נאכדעם, בכל מדה ומדה שהוא מודד לו, מיט יעדע מדה וואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט דעם מענטש, הוי מודה לו מאד, דארף ער דאנקען דעם אייבערשטען. עס איז דא אמאל וואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט א מענטש, אז עס גייט אים גוט, און אמאל גייט אים נישט גוט. עס איז נישט קיין נפקא מינה, בכל מדה

ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה לו. ונפקא מינה לקבלונהו בשמחה (ברכות ס:), מען דארף אלעס מקבל זיין מיט א שמחה.

**די** עבודה האבן יודען געהאט ווען זיי זענען געווען אין מצרים. זיי האבן נישט געהאט קיין איין גוטן טאג אין לעבן, ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך, וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים, מען האט געוואוסט אז מען דארף זיין אין מצרים פיר הונדערט יאר, עס איז געווען גזירת הגלות. נישט ער, און נישט זיין קינד, און נישט זיין אייניקל, וועלן האבן א גוטן טאג אינעם לעבן. און מען האט געדארפט אזוי לעבן, און זיך מחזק זיין, דאס איז די מדה וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז, דארף מען דאנקן דעם אייבערשטען. דער באשעפער ווייסט וואס עס איז די ריכטיגע טובה פונעם מענטש, אונזער דור דארף אדורכגיין די תקופה. זאגט דער פסוק, זיי האבן זיך נישט ממעט געווען אין קיין לידה, פארוואס זאלן מיר האבן קינדער, כדי מען זאל זיי פייניגען?! נאר ובני ישראל פרו וישרצו, יודען האבן זיך פארמערט, ויעצמו, במאו"ד, מאוד, אין דעם בכל מאוד"ך, וואס בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה לו, אין דעם מאוד, האבן זיי זיך געשטארקט, מאוד, שטארק.

**ווי** אזוי האט מען דאס טאקע געקענט באווייזען? נאר עס שטייט אין מדרש (שמו"ר א-כח), אז משה רבינו האט אויסגעבעטן ביי פרעה, אז שבת זאלן יודען האבן א טאג פון מנוחה. און פרעה האט נאכגעגעבן. זיי האבן געהאט א טאג פון מנוחה אין מצרים, שבת האט מען נישט געארבעט. מען איז געזעסן אין שטוב מיט די קינדער, און מען האט איבערגעג'חזר'ט פון וואו אונז שטאמען, מיר זענען קינדער פון אברהם יצחק און יעקב. וואס מען האט געדענקט פונעם טאטע און פונעם זיידע, האט מען איבערגעשמועסט מיט די קינדער. עס איז געווען א טאג פון ישוב הדת, וואס א מענטש זאל זיך קענען בארואיגן, און נעמען פון דעם כח אויף די גאנצע וואך שפעטער. זונטאג ווען מען גייט צוריק צו די ארבעט, איז עס א עבודה קשה, אז מען זאל זיך קענען האלטן, און מען זאל נישט צובראכן ווערן. און דער שבת האט געגעבן דעם כח אז מען זאל זיך קענען האלטן. דער שבת דאס איז דער מושיען של ישראל, דאס העלפט פאר יודען.

**מיר** זענען טאקע נישט אין מצרים, אבער די טירדות פון די וואך איז געוואג גרויס ביי יעדן איינעם, אז מען האט אסאך מאל נישט קיין ישוב הדעת איבערצוטראכטן מה חובתי בעולמי. פארוואס דרייט מען זיך ארום אויף די וועלט, וואס דארף מען אויפטון, וואס איז אדורכגעגאנגען די וואך, און וואס קען איך מתקן זיין אויף די קומענדיגע וואך. יעדער האט זיך זיינע חשבונות, און זיין סדר וואס ער דארף צו טון. ווען עס קומט דער טאג פון שבת, וואס מען איז נישט פארנומען, מען האט צייט צו דאווענען, מען האט צייט אריינצוטראכטען און מאכן א חשבון הנפש, צו קענען נעמען כוחות הנפש פונעם שבת אויף די גאנצע וואך שפעטער. און דער שבת האט געגעבן כוחות פאר יודען, אז מען איז נישט צובראכען געווארן, מען האט אנגעהאלטן די מאראל ביי זיך יאר נאך יאר, און מען איז געווען דבוק אין בכל מאודך הוי מודה לו מאוד מאוד.

**ער** האט געזעהן אז וירבו ויעצמו במאוד מאוד, אז יודען ווערן נישט צובראכען, זיי שטארקן זיך, זיי זענען אלעס מקבל באהבה, האט ער געזאגט, הבה נתחכמה לו, אונז דארף מיר זיך מתחכם זיין למושיען של ישראל, דא איז דא א זאך וואס העלפט פאר יודען אז זיי קענען זיך אזוי האלטן. וואס איז דער מושיען של ישראל? זאגט דער מדרש, דאס איז געווען דער שבת. הבה נתחכמה אויפן שבת, אז מיר וועלן צוברעכן דעם שבת, וועלן מיר צוברעכן זיי אויך. דורך דעם וואס מען האלט שבת, מען האט א טאג וואס איז קודש לה', דאס גיט די כוחות הנפש, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען.

**מען** זאגט שבת אין קידוש, תחלה למקראי קודש, זכר ליציאת מצרים. דו ווערסט פרעגן, ווי אזוי קען זיין אז יודען האבן אויסגעהאלטן די אלע צרות וואס איז געווען אין מצרים, און אזא הייליג פאלק איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, עס איז געווען לא שינו שמם לשונם ומלבושם (ויק"ר לב-ה), ווי אזוי האט מען געהאט די כוחות, איז דאס דאך נאר ווייל מען האט געהאט דעם שבת. און פון דארט קענסטו זיך אראפלערנען און זעהן וואס א שבת קען אויפטון. אז מען קען זיין אין מצרים צוויי הונדערט יאר, און נאכדעם וועט מען ארויסקומען א ערליך פאלק, וואס האבן זיך נישט אויסגעמישט מיט די מצריים. דער אייבערשטער האט מעיד געווען אויף זיי אז זיי

זענען ערליך, האבן זיי געהאט צו דאנקן אויפן שבת וואס זיי האבן געהאט.

**ישמחו** במלכותך שומרי שבת, יעדער יוד דארף זיך פרייען מיטן שבת. זכר, ער זאל זיך דערמאנען, ליציאת מצרים, א ערליכע הייליג פאלק איז ארויסגעגאנגען פון מצרים. ווי אזוי האבן זיי דאס געקענט באווייזען, נאר דורכן שבת. און דאס וועט געבן די כח פאר יעדן יוד צו וויסען וואס דער שבת קען אויפטון ביי א מענטש.

*

***יום שני פרשת וארא***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יואל בנציון אבעלעס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש מונקאטש.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת תנאים של בת הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלמה משה מאנדעל** הי"ו, שהתקיים באולם נזר יהודה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **משה יוסף גלויבער** הי"ו, שהתקיים בבית חותנו הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במתנת כהונה.

*

***יום שלישי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נכנסו אצל **רבינו שליט"א** אברכי כוללנו בוויליאמסבורג להבחן על כל הלכות שבת שלמדו במסגרת הכולל במשך השנים שעברו.

אחר כך נכנסו בני המשפחה של הר"ר **מרדכי יצחק סאמעט** הי"ו, והגישו את הספר 'מודה אני' שהוציא אביהם לאור, דברי חיזוק ואמונה שכתב בצרה ובשבי'.

*

***יום רביעי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער לטובת מוסדותינו הק' בבארא פארק, שהתקיים באולם לעגעסי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב דעם כבוד צו באגריסן די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען משתתף זיין אין די החזקה פון די מוסדות דא אין בארא פארק. די תלמוד תורה וואו יודישע קינדער ווערן נתחנך אויסצוואקסען ערליכע יודען, תלמידי חכמים. די מיידל שולע שטעלט אהער ערליכע יודישע מאמעס פאר דעם קומענדיגען דור, עס איז א געוואלדיגע זכיה פאר יעדן איינעם, וואס האט א חלק אין אויפשטעלן דעם כלל ישראל. דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט כלל ישראל, אז עס איז דא א יששכר, און עס איז דא א זבולון, יעדער האט זיין עבודה וואס ער דארף צו טון אויף די וועלט. יששכר איז אויסגעשטעלט צו זיין באהלה של תורה, זבולון איז אויסגעשטעלט צו זיין אויף די גאס, אבער ער האט אויך א חלק אין תורה. דורכדעם וואס ער טוט מחזיק זיין תורה, ווערט ער גערעכנט ווי א שותף אין די תורה וואס מען לערנט. און איך וועל עס משלב זיין צו א ענין פון די וואך אין די פרשה.

**די** תורה הק' פארציילט, אז משה מיט אהרן זענען ביידע געווען שלוחים פונעם אייבערשטען אויסצולייזן די יודען פון מצרים. די תורה דערמאנט ביידע נעמען, איינמאל ווערט דערמאנט קודם משה און נאכדעם אהרן, און איינמאל ווערט דערמאנט קודם אהרן און נאכדעם משה (שמות ו-כו). רש"י זאגט, אז דאס קומט צו לערנען, אז זיי זענען געווען שקולים כאחד, זיי זענען געווען אייניג. עס איז נישט דא קיין דין קדימה פאר משה מער ווי פאר אהרן, אדער פאר אהרן מער ווי משה, זיי זענען אויף איין מדריגה, שקולים כאחד. וועגן דעם שטייט אמאל משה קודם, און אמאל אהרן קודם, צו ווייזען אז זיי זענען ביידע אייניג. און בפשטות איז שווער צו פארשטיין, ווי אזוי קען מען זאגן אז אהרן איז געווען ממש אזוי ווי משה. עס איז דא אסאך פלעצער וואס

די תורה אליין איז מעיד אז משה איז געווען מער פון יעדן איינעם, ולא קם נביא עוד בישראל כמשה, אשר ידעו ה' פנים אל פנים (דברים לד-י), אין נביאות איז געווען משה רבינו גרעסער פון אהרן. משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל, און נישט אהרן. ווען אהרן מיט מרים האבן גערעדט אויף משה שטייט אין פסוק (במדבר יב-ז), לא כן עבדי משה, משה איז אין א אנדערע מדריגה פון ענק. און דא זאגט מען, אז משה און אהרן זענען געווען שקולים, איינער אזוי ווי דער צווייטער.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו כב.), אמת משה רבינו איז געווען גרעסער בנביאות, און ווי זיין לשון איז, ער איז געווען גרעסער אין קדושה און אין פרישות מער פון אהרן הכהן. משה רבינו האט געהאט א העכערע מדריגה. עס איז אבער געווען געוויסע נקודות וואס אהרן האט געהאט מער פון משה רבינו. משה רבינו האט טאקע געלערנט תורה מיט יודען, אבער אהרן איז געווען אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות א-יב), אהרן האט זיך ארומגעדרייט אין כלל ישראל, און געזוכט וואו ער קען איינעם מחזק זיין, וואו ער קען ברענגען שלום בין אדם לחבירו, וואו ער קען ברענגען שלום בין איש לאשתו. ומקרבן לתורה, וואו ער האט געהאט א געלעגנהייט מקרב צו זיין א שוואכערן צו תורה, האט ער זיך אפגעגעבן דערמיט. ווען משה רבינו איז נסתלק געווארן און מען האט באוויינט משה רבינו, שטייט אין פסוק (דברים לד-ח) ויבכו בני ישראל את משה, אבער ווען אהרן איז נסתלק געווארן, שטייט אין פסוק (במדבר כ-כט) ויבכו את אהרן שלשים יום 'כל' בית ישראל. אנשים וטף אלע האבן מספיד געווען אהרן, אז מען האט פארלוירען א גוטען פריינד. אהרן'ס מדריגה איז געווען העכער אין גמילת חסדים, טון פאר א צווייטען יוד, מער ווי משה רבינו. משה רבינו איז געווען בינו לבין קונו, אהרן האט זיך אפגעגעבן צווישן איינעם און דעם אנדערן.

**עס** שטייט אין אבות דרבי נתן (יב-ד) אז אהרן הכהן האט עוסק געווען אין שלום בית, און ווען עס איז געבוירן געווארן קינדער, האט מען א נאמען געגעבן דאס קינד נאך אהרן. און מען האט געזאגט, ווען נישט אהרן ביזטו נישט אויף דעם עולם. כמה אלפים מישראל איז די לשון אין אבות דרבי נתן, טויזנטער קינדער האבן געהייסען אהרן, ווייל אהרן האט געברענגט שלום ביי זיי. נישט יעדער האט א נאמען געגעבן אהרן לכבוד דעם, אויסער די כמה אלפים וואס האבן א נאמען געגעבן אהרן, איז געווען נאך טויזנטער וועם ער האט געהאלפן. און וויפיל צייט דאס דארף צו קאסטען. מען זאל פרעגן איינער וואס טוט אין שלום בית, וויפיל צייט עס נעמט נאר פאר איין משפחה. און כל שכן ווען מען רעדט פון כמה אלפים מישראל, וויפיל צייט ער האט אוועקגעגעבן דערפאר. דעם חלק האט משה רבינו נישט געהאט. אין דעם איז אהרן געווען מער פון משה רבינו. זאגט דער **חתם סופר**, אבער אז מען מעסט ביידע, מען מעסט אז משה רבינו איז געווען גרויס אין תורה, אבער וויניגער אין גמילות חסדים, און מען מעסט אהרן וואס איז געווען גאר גרויס אין גמילות חסדים, און וויניגער אין תורה, זענען ביידע געווען שקולים איינער אזוי ווי דער צווייטער. די וועלט שטייט אויף די דריי עמודים, תורה און עבודה און גמילות חסדים, און אז איינער איז גרויס אין תורה, און איינער איז גרויס אין גמילות חסדים, איז ער שקול אזוי ווי דער צווייטער.

**מען** וואלט געקענט צוגעבן דערצו נאך א נקודה, פארוואס אהרן און משה זענען געווען שקולים. מען מיינט אז משה רבינו איז נאר געווען גרויס אין תורה, עס האט אים געפעלט אין חלק פון גמילות חסדים. עס איז נישט ריכטיג. אהרן מיט משה רבינו זענען געווען די גרעסטע בעלי חסד וואס איז געווען אין כלל ישראל. די מן וואס יודען האבען געהאט אין מדבר, זאגט די גמרא (תענית ט.), אז עס איז געווען בזכותו של משה. דאס וואס גאנץ כלל ישראל האט געהאט פרנסה, האט משה רבינו זיי געברענגט די פרנסה. וואו קען מען נאך טון מער חסד פארן גאנצן כלל ישראל, ווי ברענגען פאר זיי פרנסה. די גמרא (תענית כד:) זאגט אויף רבי חנינא בן דוסא, כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין. רבי חנינא בן דוסא האט נישט געהאט קיין געלט, ער האט נאר געהאט א קב חרובין צו עסן, אבער ווען מען פרעגט ווער האט מפרנס געווען גאנץ כלל ישראל, האט נישט דער עושר מפרנס געווען, נאר רבי חנינא בן דוסא ער האט געברענגט די עשירות פארן עושר, און דורך אים האט גאנץ כלל ישראל געהאט מזונות. - ווען מען וויל מעסטן די עבודה פון משה רבינו, איז ער נישט נאר געווען גרויס אין תורה, משה רבינו איז געווען גרויס

אפילו אין גמילות חסדים, ווייל דורך זיין תורה האט ער אראפגעברענגט פרנסה פארן גאנצן כלל ישראל. איז ער געווען גרויס סיי אין תורה און סיי אין גמילות חסדים.

**אהרן** הכהן וואס איז געווען גרויס אין גמילות חסדים, ווען אהרן וואלט נישט געטון זיין ארבעט, ווער וואלט עס געדארפט צו טון, משה רבינו. און ווען אהרן האט אוועקגעגעבן זיין צייט כדי משה רבינו זאל קענען זיצען באהלה של תורה, און לערנען תורה מיט יודישע קינדער, איז אהרן געווען א שותף אין די תורה פון משה רבינו. אהרן האט נישט נאר גמילות חסדים, אהרן האט אויך די תורה פון משה רבינו, וואס איז צו פארדאנקען פאר אהרן. ווייל ווען אהרן גיט זיך נישט אפ מיט די ענינים וואס האט אויסגעפעלט פארן ציבור, ליגט עס אויף משה רבינו, איז ער א שותף מיט משה רבינו.

**און** אזוי איז אויך יששכר מיט זבולון, יששכר זענען די מרביצי תורה, די וואס לערנען תורה מיט יודישע קינדער, די מלמדים, די מגידי שיעורים, וואס געבן אוועק זייער גאנצן טאג נאר אריינצוברענגען יודישע קינדער אין תורה, זיי זענען גרויס אין תורה. די וואס זענען עוסק אין עניני עולם הזה, אבער זיי טוען אראפנעמען דעם עול פון די מרביצי תורה, די האבן א חלק אין זייער תורה, עס איז חלק כחלק יאכלו, משה מיט אהרן זענען שקולים כאחד. דו זאלסט נישט טראכטען אז משה רבינו איז געווען גרויס נאר אין תורה, און אהרן איז געווען גרויס נאר אין גמילות חסדים, נאר משה רבינו האט געהאט תורה מיט גמילות חסדים, און אהרן האט אויך געהאט בעיקר גמילות חסדים וואס מען האט געזעהן, אבער ער האט אויך געהאט א חלק אין די תורה של משה.

**עס** זיצען דא א ציבור יודען וואס האלטן אויס די מוסדות התורה, מען דארף נישט רימען די מוסדות, אלע זענען עלטערן פון קינדער אין מוסד. און זיי ווייסען אליין וויפיל כוחות עס ווערט אריינגעלייגט אין יעדן קינד עקסטער, וואס מען פראבירט צו טון וואס מען קען מיט יעדן קינד. וויפיל מאל קומט מען פרעגן ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן מיט דעם קינד און מיט א צווייטען קינד. מען האט איבערגעגעבן די קינדער אין גוטע הענט, וואס טוען זייער עבודת ה' מיט א ערליכקייט. די אלע וואס זענען אין די הנהלה פון די תלמוד תורה, און פון די מיידל שולע, רבי חיים מאיר פראמאוויטש, רבי חיים אריה רובין, רבי פנחס ראטה, זענען באמת איבערגעגעבן בלב ובנפש. זיי געבן אוועק אזויפיל צייט, מיט עגמת נפש וואס עס קומט אן, און פון דעסטוועגן דאך ציהט מען זיך נישט צוריק, און מען טוט די ארבעט לשם שמים. וויל איך זיי אלע וואונטשען, דער אייבערשטער זאל זיי אלע געבן, עס זאל זיין עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, אין תורה דארט ליגט אלע ברכות. יודען זענען מחזיק תורה מיט אזא מדה גדושה, מיט אזא ברייט האנט, עס איז זיכער אז עס איז עושה רושם אויבן אין הימל. אין הייליגע ספרים שטייט, בך חותמין, מיט די מדה פון אברהם אבינו וואס איז מדת החסד, מיט דעם וועט מען ענדיגען דעם גלות. זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת וארא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** ליוניאן סיטי ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **משה יעקב בוים הי"ו**, שהתקיימה בהיכל ביהמ"ד ישיבת צאנז.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד אילינוב שליט"א** שישב שבעה על פטירת אמו הרבנית ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת וארא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי ר' זושא מהאניפולי זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ב' שבט).

בברכת המזון נתכבד חדב"ן הרה"ג **רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי.

ביום שב"ק אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יואל דוד סאדרינאס** הי"ו, שהתקיים בבית חמיו הר"ר **שמואל יצחק טובל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להשתתף אצל המלוה מלכה לטובת מוסדותנו הק' במאנסי, שהתקיים באולם אטריום, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב געוואלט רעדן א ווארט וואס איז נוגע פאר יודען וואס געבן זיך אוועק מחזיק צו זיין תורה, און איך וועל עס משלב זיין מיט א ענין די וואך אין די פרשה. אין די הגדה של פסח איז דא איין שטיקל וואס מען זאגט, וואס איך מיין אז זייער וויניג מענטשען ווייסן די פשט דערפון, און עס דארף האבן א ביאור. [איך וועל עס נישט יעצט מבאר זיין, מען זאל אריינקוקען אין די מפרשי ההגדה פאר פסח, זעהן די ענין דערפון]. מען רעכנט אויס ביי סיפור יציאת מצרים איין נקודה וואס שטייט אין ספרי, ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטויה (דברים כו-ח), מען דאנקט אז דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון ארץ מצרים, מיט א שטארקע האנט און מיט א אויסגעשטרעקטע ארעם. און דער ספרי איז מסביר, וואס מיינט דאס ביד חזקה ובזרוע נטויה. ביד חזקה זו הדבר, עס איז געקומען די מכה פון דבר, און מיט די יד חזקה האט אונז דער אייבערשטער ארויסגענומען פון מצרים. ובזרוע נטויה זו החרב, וואס איז אינגאנצן נישט אויסגערעכנט צווישן די עשר מכות, דאס איז געווען דער ויוציאנו ה' ממצרים. און עס דארף האבן א ביאור, וואס איז דער ביד חזקה זו הדבר, וואס איז פונקט ביי דבר געווען א יד חזקה? צפרדע איז נישט קיין יד החזקה?! ערוב איז נישט קיין יד חזקה?! אמת ער ברענגט א ראיה פון א פסוק די וואך אין די פרשה (שמות ט-ג), הנה יד ה' הויה במקנך, אבער הא גופא קשיא, וואס איז דער יד ה' געווען ביי דבר מער ווי ערגעץ אנדערש. און לו יהא אז ביי דבר איז געווען א יד חזקה, אבער דאס איז דער גאנצער גליק ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה, אז דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען מיט א יד חזקה זו הדבר, אז ער האט געברענגט די מכה פון דבר?! וואס איז דער מכה פון דבר מער פון אלע אנדערע מכות.

**איך** האב געטראכט א נקודה דערין על דרך דרוש וואס איז נוגע לענינינו. די תורה הק' פארציילט, אז דער באשעפער האט אנגעזאגט אז עס גייט קומען די מכה פון דבר, והפלה ה' בין מקנה ישראל ובין מקנה מצרים, עס וועט זיין אן אפשיידט צווישן יודענס מקנה און די מצריים'ס מקנה, ולא ימות מכל לבני ישראל דבר (שם ט-ד), עס וועט נישט שטארבען פון די מקנה פון די בני ישראל, 'דבר', א זאך. עס איז א שווערע לשון. מען רעדט דאך פון בעלי חיים, אז זיי וועלן שטארבען. אויף א בעל חי זאגט מען נישט אז עס איז דבר, פארוואס זאגט ער ולא ימות מכל לבני ישראל דבר.

**און** אזוי האט דער אייבערשטער געפירט, ער האט געברענגט דעם דבר, וימת כל מקנה מצרים, אלע מקנה פון מצרים זענען געשטארבען, וממקנה בני ישראל לא מת אחד, פון די מקנה בני ישראל איז נישט געשטארבען, אפילו איינס. וישלח פרעה, פרעה האט געשיקט זעהן וואס איז געווארן מיט די מכה פון דבר, האט ער געזעהן והנה לא מת ממקנה ישראל, אז עס איז נישט געשטארבען פון די מקנה בני ישראל, עד אחד, ביז איינס, ויכבד לב פרעה ולא שלח את העם. און מען דארף פארשטיין, ער האט דאך געזעהן אז די מכה איז געלונגען אזוי ווי דער אייבערשטער האט געזאגט, עס איז נישט געשטארבען פון די מקנה ישראל, נאר פון די מקנה מצרים, וואס איז דער ויכבד לב פרעה, עס איז שווער געווארן די הארץ פון פרעה, און ער האט נישט אוועקגעשיקט. - און פארוואס הייבט ער אן, ממקנה בני ישראל לא מת אחד, און פרעה האט געשיקט און ער האט געזעהן והנה לא מת ממקנה ישראל 'עד' אחד.

**עס** שטייט אין מדרש (שמו"ר יא-ד), דער אייבערשטער האט געזאגט אז עס גייט קומען די מכה פון דבר, און די מקנה מצרים וועט שטארבען, און די מקנה ישראל וועט נישט שטארבען. ווי אזוי איז געווען ווען א יוד האט געהאט א בהמה בשותפות צוזאמען מיט א מצרי, וואס איז געווארן מיט די בהמה וואס האלב דערפון איז געווען פון א מצרי, און האלב דערפון איז געווען של ישראל. וועט

שטארבען די בהמה, ווערט שטארבען א בהמה מישראל. ווערט נישט שטארבען די בהמה, איז נישט געשטארבען א חלק פון מקנה מצרים. זאגט דער מדרש, אז די בהמה איז נישט געשטארבען. וויבאלד א יוד האט געהאט א חלק אין די מקנה, איז נישט געשטארבען די בהמה. און דער מדרש לייגט אריין, אז דאס איז דער פשט אינעם פסוק, ולא ימות מכל לבני ישראל דבר, אפילו ער ווערט נאר האבען דבר, עפעס א שטיקעלע ווערט ער האבן אין די בהמה, האט דער אייבערשטער געזאגט, אז עס ווערט נישט שטארבען די בהמה. - פארוואס טאקע, וואס איז דער ביאור דערפון, אז עס קומט אז עס זאל שטארבען אלע מקנה מצרים, איז דאך דאס אויך א חלק פון די מקנה מצרים. פארוואס האט איבערגעוואויגן אז עס איז נישט געשטארבען ווייל עס איז מקנה ישראל. זאל איבערוועגען יענע זייט אז עס איז מקנה מצרים, און עס זאל יא שטארבען.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז פשוט. די גמרא (פסחים ו.) זאגט, אז א בהמה ארנונא איז פטור מן הבכורה. א בהמה וואס דער מלך נעמט אראפ דערפון א חלק אלץ שטייער, איז פטור פון בכורה. יעדע בכור דארף מען מקדיש זיין פארן אייבערשטען, אבער טאמער א גוי האט א שותפות אין דעם, איז נישט דא דערביי די הלכה פון בכורה, ווייל עס איז יד עכו"ם באמצע. דארט ווי דער מלך נעמט אראפ א חלק פון די בהמות וואס ווערן געבוירן, האט ער א חלק אין יעדע בהמה וואס איז דא, און אפילו עס איז נישט מוכרח אז ער ווערט נעמען דעם בכור, אפשר ווערט ער נעמען א אנדערע בהמה, איז נישט דא קיין דיני בכורה ביי אזא פאל. זעהט מען אז ווען א מלך נעמט שטייער, ווערט ער אויך א שותף אין די זאך אליין, און עס געהער פאר אים, און עס איז פטור פון בכורה. די גמרא דינגט זיך, אז דאס איז נאר ווי ער קען אים נישט מסלק זיין בזוזא, ער קען עס נישט אויסקויפן, ער מוז אוועקגעבן די בהמה אליין, אבער טאמער מען קען אויסקויפן מיט געלט, איז די שותפות נישט קיין שותפות, און עס איז יא מחוייב בבכורה. אבער טאמער ער נעמט די בהמה, איז ער א שותף אין די בהמה.

**דאס** איז דאך זיכער, אז פרעה האט גענומען שטייער פון יעדן איינעם, אזוי איז געווען די סדר ביי אמאליגע מלכיות, און היינט אויך. און אז עס איז געווען ארנונא ביי א בהמה, קומט אויס אז אלע בהמות וואס יודען האבן געהאט, איז פרעה געווען א שותף. אויב עס וואלט געווען די סדר, אז דארט ווי א יוד מיט א גוי זענען שותפים איינער מיטן אנדערן, ווערט איבערוועגן די חלק פונעם גוי, און עס ווערט שטארבען, וועלן דאך אלע מקנה ישראל אויך שטארבען, ווייל עס איז בהמת ארנונא, דער מלך האט אויך א חלק דערין. האט על כרחך געמוזט זיין, כדי עס זאל בלייבען מקנה ישראל, אז דארט ווי א גוי האט א חלק דערין, זאל נישט שטארבען די בהמה. איז ווענן דעם דארט ווי עס איז געווען חציה של מצרי וחציה של ישראל איז די בהמה נישט געשטארבען.

**נאך** א נקודה וואס מען וואלט געקענט צוזאגגן. אויב דער אייבערשטער האט שוין געזאגט מעיקרא, אז טאמער ווערט זיין א יוד א שותף דערין, ווערט נישט שטארבען די בהמה, איז געווען א פלאץ אז יעדער מצרי האט זיך געקענט א עצה געבן אז זיינע בהמות זאלן נישט שטארבען, אויב פון יעדע בהמה האט ער מקנה געווען פאר א יוד איין קליינע חלק אין די בהמה, אחד מני אלף, איז די בהמה נישט געשטארבען, ווייל סוף כל סוף איז געווען דערין א חלק פון א ישראל, און ולא ימות מכל לבני ישראל דבר. איז מעגליך אז עס איז געווען אזעלכע חכמים צווישן די מצריים, וואס ווען מען האט אנגעזאגט פאר דעם, אז ווען א יוד ווערט האבן א חלק דערין ווערט עס נישט שטארבען, האבן זיי מקנה געווען פון זייער בהמות א חלק פאר א ישראל, איז ממילא די בהמה נישט געשטארבען. קומט אויס אז עס האט געקענט זיין הונדערטער בהמות וואס זענען געווען פון די מצריים, און זיי זענען נישט געשטארבען. ווייל דער סוג וואס איז געווען א יוד מיט א גוי צוזאמען איז נישט געשטארבען די בהמה.

**קומט** דאך אויס, אז ווען פרעה האט געשיקט אז מען זאל זיך אומקוקען צו עס איז געשטארבען אלע מקנה מצרים, האט מען אים געזאגט, ניין, עס איז נישט געשטארבען אלע מקנה מצרים, עס איז דא אסאך מקנה מצרים וואס איז געבליבן. ווייל די אלע וואס א יוד האט געהאט עפעס א חלק דערין, זענען נישט געשטארבען. זענען אלע פסוקים אמת. דער אייבערשטער האט געזאגט ולא ימות מכל

לבני ישראל דבר, וואו א יוד וועט האבן א חלק דערין, איז עס נישט געשטארבען. ויעש ה׳ את הדבר הזה ממחרת, וימת כל מקנה מצרים. אלע מקנה מצרים זענען געשטארבען. ׳וממקנה׳ בני ישראל, און פון די וואס האבן געהאט עפעס א חלק פון די מקנה בני ישראל, לא מת אחד, איז קיינער נישט געשטארבען. וישלח פרעה והנה לא מת ממקנה ישראל ׳עד אחד׳, ער האט געזעהן אז עס איז דא איין סוג וואס איז נישט געשטארבען, ויכבד לב פרעה ולא שילח את העם. ער האט געזעהן אז נישט אלע מקנה מצרים זענען געשטארבען, דאס האט צוגעברענגט דערצו אז ער האט נישט געוואלט ארויסשיקן כלל ישראל.

**על** כל פנים וואס מיר זעהן פון דעם איז, אז ווען עס איז געווען א בהמה וואס א יוד מיט א גוי האבן געהאט דערין א חלק, האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט די בהמה. די פשוטע פשט דערפון איז, אפילו עס קומט זיך א עונש פאר דעם גוי, אפילו דער אייבערשטער וויל זיך אפרעכענען מיט אים, און עס איז דא א חשבון, עס דארף זיין די אותות ומופתים אין מצרים כדי צו פארשטארקן די אמונה אין כלל ישראל. אויב דאס וועט קאסטען פאר א יוד א שטיקל פון זיין פארמעגן, האט דער אייבערשטער חס געווען אויף ממון ישראל, און ער האט איבערגעלאזט די בהמה פונעם גוי אויך, כדי עס זאל נישט זיין א שאדן פאר דעם יוד.

**אמאל** איז מען אין ביזנעס צוזאמען מיט גוים, און פאר דעם גוי קומט זיך נישט אז דער אייבערשטער זאל אים געבן וואס ער האט. אבער אז דער גוי וועט פארדינען, וועט דער יוד אויך פארדינען, דער יוד האט א חלק אין דעם. אויב עס איז א מקנה וואס געהערט פאר א יוד מיט א גוי צוזאמען, לאזט איבער דער אייבערשטער אז דער גוי זאל מצליח זיין, כדי דער יוד זאל אויך מצליח זיין. דער באשעפער וועט נישט ברענגען קיין עונש אויף דעם גוי, ביז דער יוד איז אליין נישט ראוי צו דעם עונש. א בהמה וואס איז געווען פון מקנה ישראל און מקנה מצרי, איז לא ימות מכל לבני ישראל דבר.

**אויב** אזוי, ליגט דערין א געוואלדיגער מוסר השכל. אונז ווייס מיר, אז אין תורה ליגט די הצלחה פון די גאנצע וועלט. דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט בשביל ישראל שנקראו ראשית, בשביל התורה שנקרא ראשית (ב״ר א-א), קיום העולם איז צדיק יסוד עולם, די וואס זיצען און לערנען תורה, די זענען די קיום פון די וועלט. אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ (נדרים לב:). ווען נישט תורה איז נישט דא קיין וועלט, אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי (ירמיה לג-כה). און די חשובסטע תורה איז, תורה פון תינוקות של בית רבן. יודישע קינדער וואס זיצען און לערנען תורה, הבל פיהם שאין בהם חטא, איז די חשובסטע חלק פון תורה וואס איז דא. און דער חלק פון תינוקות של בית רבן וואס לערנען תורה, איז נישט נשתנה געווארן קיין כי הוא זה פון אברהם אבינו אן. פון ווען עם ישראל איז געווארן א פאלק, איז נישט געטוישט געווארן די חלק תורה פון תינוקות של בית רבן. מיר האבן נישט היינט אזעלכע גדולי ישראל אזוי ווי עס איז געווען אמאל, אונז האב מיר נישט היינט אזעלכע תלמידי חכמים אזוי ווי עס איז געווען אמאל, די דורות זענען דאך שוואכער, עס איז געטוישט געווארן די איכות פון תורה פון דעם וואס איז געווען אמאליגע צייטן. אבער וואס עס איז נוגע צו תינוקות של בית רבן, מען לערנט די זעלבע א׳ ב׳, די זעלבע עברי, דעם זעלבען חומש, און די זעלבע שטיקעל משנה און גמרא, אזוי ווי מען האט אמאל געלערנט מיט די קינדער.

**דארט** וואו עס איז דא תורה, דארט ליגט די הצלחה פון די וועלט. די גמרא (עבודה זרה יט:) זאגט, כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין, און די גמרא ברענגט א ראיה פון תורה נביאים און כתובים, אז איינער וואס זיצט און לערנט תורה, איז דא א הצלחה אין זיינע נכסים. אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד (משלי ג-טז), תורה ברענגט מיט זיך אורך ימים, און תורה ברענגט מיט זיך עושר וכבוד. דארט וואו עס איז דא תורה, דארט איז דא הצלחה. לאו כל אחד זוכה, נישט יעדער איז זוכה אז ער זאל קענען זיין א עוסק בתורה, און ער זאל קענען מקדיש זיין אלע זיינע יארן פאר תורה, אבער ווען א יוד נעמט צו א שותף אין זיין געשעפטען, ער נעמט צו די תורה הק׳, ער איז מחזיק תורה פון זיין פארמעגן. ער האט א שותף אין יעדע זאך וואס ער פארדינט, א חלק דערפון וועט גיין פאר החזקת התורה, ליגט די כח פון די תורה אין זיין פארמעגן. און די תורה וואס מען לערנט דורך די געלט, דאס ברענגט די הצלחה, און

ער מצליח אין אלעם וואס ער האט. אז עס איז געווען א בהמה של מצרי, וואס א יוד האט נאר געהאט א שטיקל חלק דערין, איז דער בהמה של מצרי נישט געשטארבען, ווייל עס ליגט דערין א חלק של ישראל, איז א כל שכן ווען מען רעדט פון מקנה ישראל, און עס ליגט דערין א חלק פון החזקת התורה, וויפיל טוט די החזקת התורה אויף, אז עס זאל ברענגען הצלחה אין דעם מקנה.

**צדקה** טיילט מען מיט די הענט, פתוח תפתח את ידך לאחיך לענייך (דברים טו-יא). אבער אמאל איז דא וואס דער מענטש האט א 'יד חזקה', עס איז אים שווער צו עפענען זיין האנט צו געבן צדקה, איז די עצה זיך קענען מחזק זיין צו עפענען די האנט, 'ביד חזקה, זו הדבר', דערמאן זיך פונעם דבר, אז אויב א יוד האט געהאט א חלק דערין איז עס נישט געשטארבען, זאלסט וויסען אז אויב בני תורה האבן א חלק אין דיין פארמעגן וועסטו מצליח זיין, און דו וועסט נישט האבן קיין שאדן. דאס וועט דיר געבן דעם חיזוק פארן יד, אז מען זאל געבן צדקה. - עס איז א מוסר השכל וואס מען קען זיך פון דעם אראפלערנען, ווי ווייט די שותפות וואס א יוד האט אין זיינע נכסים טוט אויף. איז דאך א כל שכן ווען מען רעדט פון תורה הק', איז דאך די החזקת התורה וואס א מענטש פארבינדט זיין פארמעגן מיט תורה, האט עס אין זיך די הצלחה וואס תורה ברענגט.

**מען** קומט זיך צוזאמען מחזיק צו זיין תורה, אלע דא זענען יודען וואס געבן אוועק פון זייער פארמעגן פאר תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל ארייקומען די ברכה אין זייער פארמעגן. די זכות פון תורה וואס תינוקות של בית רבן לערנען, וואס דאס איז הבל פיהם שאין בהם חטא, די חשוב'סטע תורה וואס איז דא, וואס ליגט אינווייניג אין די פארמעגן פון א מענטש, דאס ברענגט אריין די ברכה אז ולא ימות מכל לבני ישראל דבר, עס זאל נישט קענען שולט זיין קיין שום עין רעה, עס זאל נישט שולט זיין קיין שום היזק אין יודישע פארמעגנס. דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל זיין ווייטער אויך מיט אסאך הצלחה.

**עס** איז דא גמילת חסד בממונו, און עס איז דא גמילת חסד בגופו, יונגעלייט וואס לייגן זיך אריין פארן תלמוד תורה, זיי געבן אוועק שעות ארוכות כדי אז עס זאל קענען בליען תורה, איז אוודאי גרויס דער זכות פון תורה. יעדער דארף האבן הצלחה אין קינדער, עס איז זייער שווער צו ערציען ערליכע יודישע דורות, מען דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא. און דורך דעם וואס מען טוט שטיצען תורה, דורך דעם ברענגט מען אריין די הצלחה אין שטוב. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מגדל זיין בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.